בס"ד

תרומה תשפ"ה

גליון 228

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואַל

"מיין טייער ליבער קינד! איך האָב נישט יעצט וואָס דיר צו שרייבן; ווייל איך בין היינט אַרויס פון מיין שטוב, און עס איז מיר נישט איינגעפאַלן עפּעס וואָס איך זאָל דיר שרייבן." דאָס זענען די ווערטער מיט וועלכע ר' נתן הייבט אָן זיין בריוו צו זיין באַליבטן זון ר' יצחק פון טולטשין. שרייבט ר' נתן ווייטער, "נאָר ווײַבאַלד אַז איך האָב געשריבן אַ בריוו צו מיין פּלימעניק ר' אַייזיק, האָב איך זיך דערמאַנט ווי שטאַרק די וואַרטסט איך זאָל דיר שרייבן."

זאָלסט וויסן מיין זון - אַז מיין צער איז זייער גרויס. דאָס לעצטע מאָל ווען דו ביסט געווען ביי מיר אין שטוב אויף אַ באַזוך, ביסטו נישט געווען פריילעך און דיין האַרץ איז געווען צעבראָכן, פאַר מיר איז דאָס געווען זייער שווער צו פאַרטראָגן.

פונדעסטוועגן גלייב איך און איך ווייס אַז מיט דעם אַלעם האָט נאָך דער אויבערשטער רחמנות אויף מיר און אויף דיר און אויף אונז אַלע, ער וועט אונז קיינמאָל נישט אָפּלאָזן - וואָס עס זאָל נאָר נישט זיין - וועט צום סוף זיין זייער גוט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף, ווייל מיר האָבן אויף וועם זיך צו פאַרלאָזן, אויפ'ן רבי'נס גרויסן כח!

פון יעצט פאָלג וואָס איך באַפעל דיר! ביטע, מאַך דיך פריילעך – מיט וואָס דו קענסט נאָר! בפרט אין די טעג פון חודש אדר וואָס חז"ל זאָגן "משנכנס אדר מרבים בשמחה". "שפּיל דעם אחשורוש שפּיל" אָדער "דער קבצן מיט'ן עושר שפּיל" אָדער "דער ווינטער מיט'ן זומער שפּיל" א.ד.ג.

נישט נאָר דו, נאָר אַלע אונזערע לייט דאַרפן זיך צוגעוואוינען צו זיין פריילעך דורך אַלערליי 'מילי דשטותא', און זיין אַלעמאָל פריילעך... און פּאַרט פריילעך... און פּאַרט און פּאַרט...

דיין טאַטע נתן מברסלב א' תרומה תקצ"ג

וואָס זאָגן אייך קינדערלעך אויף אַזאַ בריוו?!

פאַרוואָס איז דער וועג אַרויסצוגיין פון טרויער מיט'ן מאַכן זיך נאַריש???

עס איז דאָ גאָר אַ געוואַלדיגע תורה אין לקוטי מוהר"ן. ווען דער רבי האָט געזאָגט דער תורה, האָט ער זיך געדאַרפט אַרומבינדן זיין הייליגע פּנים מיט אַ טאַש-טיכל פון גרויס לעכטיקייט וואָס האָט געלויכטן אויף זיין פּנים! תורה כ"ד אין ערשטן חלק. דער רבי זאָגט דאָרט, "אַז אַ איד טוט אַ מצוה מיט שמחה, קען ער אָנקומען צו די העכסטע מדרגות". ווען ר' נתן האָט געהערט די תורה האָט ער זיך זייער צופלאַמט און צוקאָכט, ער האָט מחדש געווען עטליכע געוואַלדיגע הלכות אויף דער תורה.



לאָמיר כאַפּן אַ בליק אין איין הלכה; "...דער

אַ באַזוך אין תלמוד תורה 'אהבה ושמחה'

עִיקַר קְדוּשָׁה אִיז שִׂמְחָה – אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דָאס מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער. וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. דָאס קֶען מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶער חֵלֶק אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, מְחַקְרִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים, וֶועלְכֶע זֶענֶען אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט פוּן קְדוּשָׁה – זֵיי גֵייעֶן אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק."

הָמָן הָרָשָׁע הָאט גוּט גֶעוואוּסְט ווִי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אֵיינְס מִיט דִי מִצְווֹת אוּן ווִי מִיר טוּעֶן דָאס מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ - דִי גֶעוואַלְדִיגֶע פְרֵייד מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן. דֶערְפַאר הָאט הָמָן זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען, בִּיז עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוּמְבְּרֶענְגֶען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק מִיט אַלֶע אִידְן רַחֲמָנָא לִצְלַן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶעטוּן אַ גֶעוואַלְדִיגְן נֵס אַז מִיר זֶענֶען גֶעראַטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן הָמָן עֲמָלֵק. אָבֶּער דִי וֶועג זֵיי צוּ מַכְנִיעַ זַיין אוּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן אִיז נָאר מִיט שִׂמְחָה. עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קֵיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי וֶוען מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ טוּעֶן אַ מִצְוָה אוּן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אוּנְזֶער מֶעכְטִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

מִיר קוֹיפְן זִיךְ אֵיין אַן אֵייבִּיגֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים - מִיט אַפָּאר בֶּענְדְלֶעךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית וָואס מֶען קֶען קוֹיפְן פַאר קְלֵיין גֶעלְט. אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פוּן דֶעם?!"

לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מֵעַכְשָׁיו – פוּן יֶעצְט! מִיר וֶועלְן טוּן אַלֶע מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיִגָא וְשִׂמְחָה". דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין בְּרֶענְגֶען אִיְנְגִיכְן דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין דִי שִׂמְחָה הַשְּׁלֵמָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.



# וואו איז יאָסעלע? #2

*אין קורצן פון פריער:*

*ר׳ נחמן שטראקס ז"ל איז זיך מוסר נפש מיט אלע מיטלען אפצוהיטן אידישקייט אין רוסלאנד, ער ווערט פארכאפט אין טורמע, מען אורטיילט אים אויף אכט יאר אין סיביר דארט ארבעט ער ביטער שווער, ווען ער איז זוכה צוריקצוקומען צו זיין משפחה זעט ער אז חלק פון די קינדער זענען ליידער דערווייטערט געווארן פון אידישקייט.*

נישט זעענדיג קיין וועג צו מחנך זיין זיינע קינדער ערליך און פרום אין רוסלאנד האט ר׳ נחמן ז"ל געטראפן איין וועג ווי צו ראטעווען זיך און זיין גאנצע הויזגעזינד פון די קאמוניסטישע שמד, ארץ ישראל! אין ארץ ישראל די הייליגע לאנד, אין די הייליגע לופט צווישן ערליכע אידן דארט איז דא א האפענונג, אבער ווי אזוי קען מען דאס אויספירן?

רוסלאנד אין יענע צייט איז נישט געווען אזוי ווי היינט וואס אויב איינער וויל פארן קיין אויסלאנד באשטעלט ער טיקעט׳ס ער פאקט זיך רענצלעך און מ׳פארט... אין רוסלאנד יענע יארן ארויסגיין פון לאנד איז געווען כמעט אוממעגליך, מען האט נישט געקענט כאפן און פארן, צום ערשט האט מען געדארפט אנגעבן א בקשה ביי די רעגירונג אז מען וויל ארויסגיין, נאר דער אנגעבן א בקשה צו ארויסגיין פון לאנד האט באדייט אז די רוסן קוקן שוין אן דעם מענטש ווי א נידריגער פארשוין וואס ווידערשפעניגט אין די מאמע רוסלאנד... אז מען וויל אוועקגיין איז אויסגעטייטשט געווארן ביי די רוסן אז מען איז נישט צופרידן פון די ווירטשאפט אין לאנד, אז איינער האט נאר געבעטן ארויסצוגיין האט מען אים באלד אנטזאגט פון די ארבעט, און אן ארבעטן - לויט ווי די קאמוניסטישע קרומע געזעצע פארלאנגט איז מען נישט ווערד געווען צו באקומען א שטיקל ברויט צו קענען דערהאלטן דאס לעבן, אזוי אז ווייניג מענטש האבן פראבירט ארויסצוגיין פון די גרויסע רוסישע תפיסה.



אבער ר׳ נחמן האט זיך נישט דערשראקן פון די אלע זאכן, נאך פאר ווען ער איז פאראורטיילט געווארן צו ארבעטן אין סיביר האט ער שוין געארבעט און געטון אסאך השתדלות ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל, און זיכער נאכן צוריקקומען פון סיביר האט ער פארלייגט אלע כוחות כאטש יעדע זאך איז געווען זייער קאמפלעצירט. (וויכטיג צו באמערקן אז דער גלות אין סיביר איז מיט יארן שפעטער געווען די הצלה פון ר׳ נחמן מיט זיין גאנצע משפחה, ווייל אין די צייט וואס ר׳ נחמן איז געווען אין סיביר האט אויסגעפלאצט די צווייטע וועלט מלחמה ווען די נאצי׳ס ימ"ש האבן אויסגע׳הרג׳עט אלע אידן פון אומאן הי"ד, אזוי ווי ר׳ נחמן איז געווען אין סיביר איז ער געראטעוועט געווארן פון די דייטשן, און אויך זיין פאמילע זענען געבליבן לעבן ווייל נאך וואס דער טאטע איז פארכאפט געווארן האבן זיי זיך אריבערגעצויגן ערגעץ נעבן מאסקווע דארטן האט די מאמע געהאפט וועט זיין עפעס גרינגער, דערווייל זענען די ווייב און קינדער אויך געראטעוועט געווארן פון די דייטשן, דווקא פון די שווערסטע נסיון וואס האט זיי אויסגעזען אזוי ביטער איז ארויסגעקומען די ישועה אז אין די פארפלאקטע יארן איז די גאנצע פאמיליע געבליבן ביים לעבן).

דערווייל זענען ר׳ נחמן מיט זיין ווייב און קינדער אריבער וואוינען ביי זיין טאכטער איידא וואס איז

געווען חתונה געהאט מיט א איד מיטן נאמען אלטער שוכמאכער, ווען די גאנצע צייט שיקט ער בריוו צו ר' אליהו חיים ראזען אין ירושלים ער זאל טון השתדלות פאר אים ער זאל קענען ארויפגיין אין ארץ ישראל.

אין איינע פון די טעג האט מען געהערט נייעס אז אזוי ווי ס'איז נאך א שווערע וועלט'ס קריג און רוסלאנד איז פול מיט אנטלאפענע פליטים גיבט די מדינה א עקסטערע ערלויבעניש פאר פוילישע פליטים ארויסצוגיין פון לאנד! ר' נחמן איז געווארן זייער איבערראשט צו הערן אזא בשורה, כאטש ער איז געווען א רוסישער בירגער אבער זיין איידים אלטר שוכמאכער איז געווען א פוילישער אפשר וועט ער קענען צורעדן דעם יונגן פארפאלק ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל וועט ער זיך קענען מיטכאפן?

נאך א לאנגע דין ודברים האבן די יונגע פארפאלק צוזאמען מיט זייערע צוויי קינדער זינע און יאסאלע צוגעשטימט ארויפצוגיין אין ארץ ישראל, מען האט אנגעגעבן א בקשה אז אזוי ווי דער זיידע מיט זיין פאמיליע וואוינען ביי זיי און האלטן זיי אויס דארפן זיי אויך מיטקומען.

נאך א שטיקל צייט ווען ר' נחמן שטארקט זיך מיט תפילות און רצונות איז אנגעקומען די ערלויבעניש, מען קען נישט פארשטעלן די פרייד פון ר' נחמן אז אט גייט ווערן אנגענומען זיינע תפילות און דער וועג קיין ארץ הקודש איז אפן.

צום ערשט זענען ארויפגעקומען ר' נחמן מיט זיין הויזגעזינד ווען ר' אליהו חיים ראזען ז"ל נעמט זיי אויף מיט גרויס פרייד און שטעלט זיי צו אלע זייערע באדערפענישן, א שטיקל צייט שפעטער זענען ארויפגעקומען אויך ר' אלטער שוכמאכער מיט זיין ווייב און ביידע קינדער, אזוי ווי אין אנפאנג איז זיי געווען אביסל שווער זיך צו מסדר זיין אין א נייע לאנד האבן זיי געשיקט די צוויי קינדער זינע און יאסאלע צום זיידן ר' נחמן שטראקס ער זאל זיי האלטן ביז זיי וועלן זיך אוועקשטעלן אויף די פיס.

ר' נחמן איז געווען איבערגליקליך מיט יעדע טריט וואס ער איז זוכה צו טרעטן אין ארץ ישראל, ער האט פלעגט כאפן די טראפנ'ס וואסער וואס האבן גערונען פון דאך אין די הענט און זאגן: הא! וואסער פון ארץ ישראל!

אזוי ווי ר' נחמן האט געוואוינט אין מאה שערים האט ער זיין אייניקל יאסאלע געשיקט לערנען אין א פיינע תלמוד תורה אין מאה שערים, כאטש זיין טאכטער איז געווען ווייט פון אידישקייט האט ער זיך געטרייסט אז כאטש דער אייניקל יאסאלע פארשאפט אים אידיש נחת, ער פלעגט קומען ביינאכט צוזאמען מיטן זיידן אין שול, א וואוילער בחנ'טער קינד, מיטן קאסקעטל און צוויי שיינע פיאות, ר' נחמן האט זיך מחיה געווען צו זען זיין אייניקל מיט א אידישע צורה, (אויך א טייל פון זיינע קינדער זענען געבליבן ערליכע אידן אזוי ווי ר' עובדיה שטראקס און ר' שלום שטראקס וועלכער האט געלערנט אין ישיבה.)

אבער די גאלדענע צייט האט נישט געדויערט לאנג, אזוי ווי ס'איז באוואוסט אז "ארץ ישראל נקנית ביסורים" ווען מען קומט ארויף קיין ארץ ישראל ביז מען איז זוכה זיך צו באזעצן אין איר דארף מען אדורך גיין יסורים. אין א טאג איז די טאכטער איידע געקומען דערציילן דעם טאטן אז זיי זענען נישט צופרידן מיטן ארויפקומען אין לאנד, זיי טרעפן זיך נישט קיין פלאץ דעריבער ווילן זיי נעמען די קינדער און צוריקפארן וואוינען אין רוסלאנד!

ר' נחמן האט נישט געקענט גלויבן וואס זיינע אויערן הערן, צוריקגיין קיין רוסלאנד? ער האט דאך אזויפיל געארבעט צו אנטלויפן פון דארט, אזויפיל צרות איז ער דארט אריבער בגשמיות און ברוחניות, קוים מיטן לעבן איז ער אנגעקומען אין ירושלים וואו מען קען זיין א יהודי בפרהסיה, מען קען דינען ה' יתברך אן קיין שרעק, ווי קען מען טראכטן אזא נארישע געדאנק? און יאסאלע?! וואס וועט זיין מיט יאסאלע?? צוריק גיין אין רוסלאנד מיינט אז ער וואקסט ווי א גוי רח"ל, אוי וויי, איז ר' נחמן געווארן דערציטערט צו טראכטן, דאס איז נישט מער ווי א גזירת שמד אויפן קינד.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה.

***קִינְדֶער לְכָבוֹד רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֲדָר לָאמִיר גֵיין בַּאזוּכְן אִין חֵדֶר "אַהֲבָה וְשִׂמְחָה" וָואס טוּט זִיךְ דָארְט מִיט אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים? שְׁמוּאֵלִ'י, וֶועלְוְול, יוֹסִי אוּן אַבְרָהָם, לֶעזֶער הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען 'אַהֲבָה אָדֶער שִׂמְחָה'? עֶס הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אָנְגֶעקְלֶעפְּט אִין אִים פוּן דֶער נָאמֶען פוּן זַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה?***

***לָאמִיר שְׁטִילֶערְהֵייט אַרַיינְקוּקְן פוּן פֶענְסְטֶער... יֶעצְט אִיז דָארְטְן פּוּנְקְט אִינְמִיטְן הַפְסָקָה, ששש....***

**יוֹסִי**: רַבּוֹתַי, סְ'אִיז חֹדֶשׁ אֲדָר, סְ'אִיז צַייט צוּ זַיין לֶעבֶּעדִיג. הַיינְט בַּיי הַלֵּל הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזִינְגֶען 'שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב' מִיט 'עַד דְּלֹא יָדַע'.

**אַבְרָהָמִי**: יָא, דָאס יָאר וֶועט זַיין אַ פּוּרִים שְׁפִּיל, "אַזָאנְס אוּן אַזֶעלֶכְטְס".

**וֶועלְוְול**: אַ פּוּרִים הַמְשֻׁלָּשׁ דַארְף זַיין אַ פּוּרִים שְׁפִּיל צוּם גֶעדֶענְקֶען!!

**לֶעזֶער שְׁרַייט**: אַזוֹי ווִי אַלֶע יָארְן ווִיל אִיךְ אוֹיךְ דָאס יָאר פִירְן דֶעם שְׁפִּיל!

**אַבְרָהָמִי**: וָואס אִיז נָאר גֶעווֶען לֶעצְטֶע יָאר?

**יוֹסִי**: דִי סָאלְדַאטְן מִיט דְרַיי הֶערְנֶער...

**וֶועלְוְול**: נֵיין, דָאס אִיז גֶעווֶען צְווֵיי יָאר צוּרִיק.

**לֶעזֶער**: דָאס יָאר וֶועל אִיךְ מַאכְן, עֶפֶּעס... אִיךְ ווִיל נָאכְנִישְׁט אַלֶעס אוֹיסְזָאגְן, עֶנְק קֶענֶען הַאלְטְן פַּארְמַאכְט דָאס מוֹיל? אוֹיבּ אַזוֹי וֶועל אִיךְ עֶנְק עֶפֶּעס אוֹיסְזָאגְן. גְרֵייטְס אָן, 'שִׁיפְּס קַאפִּיטַאנֶען', 'פָּאלִיצֵיי מַאנְדִירְן', גְרָאבֶּע שְׁטֶעקֶענֶעס אִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן מִיט גוּמִי דֶערוֹיף, הֶע... אִיךְ רֶעדְט שׁוֹין צוּפִיל...

**יוֹסִי**: לֶעזֶער, אוּנְז הָאבְן נִישְׁט אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע מוּסְקְלֶען ווִי דִיר, אִיךְ מַיין דָאס יָאר זָענֶען מִיר שׁוֹין אַרוֹיף אַ כִּתָּה, אוּנְז ווִילְן עֶפֶּעס מֶער אַ גוּטְס!

**וֶועלְוְול**: אִיךְ מַיין אוֹיךְ אַזוֹי. אַ שְׁפִּיל וָואס זָאל אָפְּשְׁפִּיגְלֶען דֶער נָאמֶען פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה. דִי שִׂמְחָה וֶועט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן פַאר וֶוער עֶס וֶועט נָאר שְׁטֵיין אִין אוּנְזֶערֶע פִיר אַמּוֹת!

**אַבְרָהָמִי**: שְׁמוּאֵלִי, וָואס



זָאגְסְטוּ? אֶפְשַׁר ווִילְסְטוּ דָאס יָאר אָנְפִירְן דֶעם פּוּרִים-שְׁפִּיל?! דוּ בִּיסְט אַ בַּאזֶעסֶענֶער אִינְגְל, מִיט אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל!

**וֶועלְוְול**: אוֹיבּ שְׁמוּאֵלִי וֶועט עֶס אָנְפִירְן וֶועט בֶּאֱמֶת יֶעדֶער זַיין צוּפְרִידְן.

**שְׁמוּאֵלִי**: אִיךְ הָאבּ גְרָאדֶע אַ גֶעדַאנְק וָואס אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין דֶערְפוּן אַ וָואךְ צַייט. מִיר וֶועלְן פָּארְשְׁטֶעלְן ווִיאַזוֹי דִי וֶועלְט גֵייט אוֹיסְזֶען...

**חַיִּים אָשֵׁר**: ווִי אַזוֹי אוֹיסְזֶען?!

**שְׁלֹמֹה**: סְ'אִיז אַבִּיסְל שְׁרֶעקֶעדִיג!! וָואס גֵייט זִיךְ טוֹישְׁן אִין אוּנְזֶער וֶועלְט?!

**נָתִי**: אִיךְ צִיטֶער!

**שְׁמוּאֵלִי**: נֵיין, סְ'אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס וֶועט זַיין גָאר אַ שֵׁיינֶע וֶועלְט. מֶען וֶועט מַאכְן אַ שְׁפִּיל וואוּ מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ דִי גְאוּלָּה!

**קִינְדֶער שְׁרַייעֶן אוֹיס**: וואו, הוּ הַא!!!!

**שְׁמוּאֵלִי**: חֲבֵרִים, הַאלְטְס עֶנְק רוּאִיג, לָאמִיר צֶענֶעמֶען דִי זַאךְ. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער וֶועט אוֹיסְמָאלְן אַ שֵׁיינֶע 'בֵּית הַמִּקְדָּשׁ'; אֵיינֶער וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע הֶערְלִיכֶע שְׁטוּל - דָארְט וֶועט מֶען אַרוֹיפְזֶעצְן אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ'ער

רֶבִּי ר׳ מֹשֶׁה אַהֲרֹן שְׁלִיטָ״א, און אַלֶע קינְדֶער װעלְן בְּרֶענְגֶען אײַנְגֶערַאמְטֶע פִּישְׁקֶעס אין דֶעם װעט ליגְן נְדָבוֹת פַאר דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר װעלְן דָאס גֶעבְּן פַאר דֶעם רֶבִּי׳ן און עֶר װעט דָאס טְרָאגְן צום בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**אַבְרָמִי:** וָואס לֵייגְט מֶען דָארְט אַרײַן אין דִי פִּישְׁקֶעס? גָאלְד? תְּכֵלֶת?

**לֶעזֶער:** אֶפְשָׁר זילְבֶּער? דִי חַיָּה, ״סַסְגוֹנָא״?

**שְׁמוּאֵלִי:** נֵיין נִישְׁט סַסְגוֹנָא אָבֶּער עֶפֶּעס וָואס דֶערְמַאנְט



פוּן אִירֶע שֵׁיינֶע קָאלִירְן.

**לֶעזֶער:** תַּכְלִית, וָואס דַארְף מֶען בְּרֶענְגֶען, רֶעדְט קְלָאר!

**שְׁמוּאֵלִי:** ״נְקוּדוֹת טוֹבוֹת!!״

**קִינְדֶער מִיט וואוּנְדֶער:** וָואס?!!

**שְׁמוּאֵלִי:** יֶעדֶער גֵייט בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס וָואס דֶערְמַאנְט פוּן זַײנֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

**יוֹסִי:** וָואס הֵייסְט?

**שְׁמוּאֵלִי:** אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אַז דוּ גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, װעסְטוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַ נְדָבָה אַ קְלֵיינֶע נֶעגְל וַואסֶער שִׁיסְל מִיט אַ טֶעפְּל...

**װעלְוְול:** אִיךְ בְּרֶענְג אַ קְלֵיינֶע בֶּענְטְשֶׁער וָואס אִיךְ נוּץ בַּיים בֶּענְטְשְׁן און לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע!

**אַבְרָמִי:** אִיךְ בְּרֶענְג ׳שְׁנֵיי׳.

**נָתִי:** שְׁנֵיי? וָואס גֵייסְטוּ טוּן מִיט שְׁנֵיי, עֶס גֵייט זִיךְ צֶעלָאזְן?!

**אַבְרָמִי:** לֶעצְטֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר הָאט דִי שְׁנֵיי זִיךְ אַרײַנְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין מַיין שְׁטִיוְול, ס׳הָאט מִיר גֶעקִיצְלְט אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְט צוּגֶעהֶערְט צוּם פָּארְלֶערְנֶען. דָאס אִיז מַיין מַתָּנָה וָואס אִיךְ וִויל גֶעבְּן פַאר מָשִׁיחַ.

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ בְּרֶענְג אַ קְלֵיינֶע חַלֶה׳לֶע, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדֶע וָואךְ צוּ שָׁלשׁ סְעוּדוֹת און מְלַוֶּה מַלְכָּה.

**לֶעזֶער:** חֶבְרָה, וָואס בְּרֶענְגֶען עֶנְק דָא? אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע זַאכֶעלֶעך?! אַזוֹי בּוֹיעֶט מֶען אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?! וָואס אִיז מִיט עֶנְק הַיינְט גֶעשֶׁען? בְּרֶענְגְטְס אַ ׳סִיּוּם הַשַּׁ״ס׳, אָדֶער אִיךְ ווייס וָואס?... עֶפֶּעס אַ פֶּעטֶע גְרָאבֶּע מִצְוָה!!

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ הָאבּ דַוְוקָא גֶעוָואלְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַזַא סָארְט זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם גְרוֹיסְהַאלְטְן! דָאס אִיז פַארְ׳ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב און טַייעֶר.

**נָתִי:** מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיךְ, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס מִיט דֶעם!

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעזֶען עֶפֶּעס אִין סֵפֶר ׳לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת׳, אִיךְ וִויל עֶס טַאקֶע אוֹיפְהֶענְגֶען אוֹיף אַ טָאוְול בַּיים שְׁפִּיל, אַז מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן. אִיךְ שְׁרֵייבּ עֶס אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער.. וֶוער קֶען שֵׁיין שְׁרֵייבְּן אוֹתִיּוֹת??

**קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס:** וֶועלְוְול הָאט אַ הֶערְלִיכֶע שְׁרִיפְט!!

**שְׁמוּאֵלִי:** וֶועלְוְול דָא הָאסְטוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעטַייטְשׁ:

״דֶער עִיקָּר וֶועג וִויאַזוֹי מֶען בּוֹיט דֶעם בֵּית

הַמִּקְדָּשׁ, אִיז דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּזַאמֶענְקְלַייבְּן אַלֶע פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע אוּן פַארְלוֹירֶענֶע קִינְדֶער (אִידְן) - דוּרְכְ'ן טְרֶעפְן אִין זֵיי 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' אוּן עֶר וֶועט דָאס אֵיינְזַאמְלֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה. אוּן מִיט דִי אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"

**פִּנְחָס:** וָואס מֵיינְט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת?

**שְׁמוּאֵלִי:** אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אִין אַ מַצָּב וֶוען דוּ קוּקְסְט זִיךְ אָן אוּן דִי זֶעסְט נִישְׁט אִין דִיר קַיין שׁוּם גוּטְס, הֵייבּ אָן זוּכְן עֶפֶּעס עֶפֶּעס אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע זַאךְ וָואס דָארְט בִּיסְטוּ יָא גוּט, אוּן מַאךְ אַן עֵסֶק פוּן דֶעם קְלֵיינְטְשִׁיגְן זַאךְ.

**אוּרִי:** לְמָשָׁל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי!! נָאךְ אֵיין מַזָל!

**יוֹסִי:** הָא, כְ'הָאבּ שׁוֹין אַ נְקוּדָה טוֹבָה "אַ זֵייגֶער".

**אוּרִי:** אַ זֵייגֶער אִיז אַ נְקוּדָה טוֹבָה?

**יוֹסִי:** נֵיין אִיךְ מֵיין נִישְׁט מִיט זֵייגֶער אַלֵיין, נָאר מִיט דֶעם זֵייגֶער שְׁטֶעל אִיךְ אָן אַ צַייט פוּן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**קִינְדֶער רוּפְן אוֹיס:** לֶעזֶער וָואס בְּרֶענְגְסְטוּ?

**שְׁמוּאֵלִי:** לֶעזֶער, אִיךְ זֶע דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט מְצַמְצֵם זַיין, דוּ כַאפְּסְט נָאךְ נִישְׁט וָואס סְ'מֵיינְט 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' אוּן ווִי טַייעֶר דָאס אִיז, דִי קֶענְסְט דָאךְ שֵׁיין זִינְגֶען, נֵיין?!

לֶעזֶער: יָא נָאךְ ווִי, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ אִין דֶעם!

**שְׁמוּאֵלִי:** גֶעוואוּלְדִיג! אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן וָואס דוּ קֶענְסְט זִינְגֶען בַּיים שְׁפִּיל.

**לֶעזֶער:** גֶעגַאנְגֶען גֶעבּ אַהֶער דֶעם נִיגוּן, דֶער עוֹלָם וֶועט זִיךְ הֵייבְּן!! לָאמִיר זֶען! וִויאַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן?

**שְׁמוּאֵלִי:** דִי גְרַאמֶען גֵייט אוֹיף דִי נִיגוּן פוּן לַיְּהוּדִים, "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה, אוֹרָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה..."

דִי כַאפְּסְט וָואס אִיךְ מֵיין?

**קוּמְט אַלֶע חֲבֵרִים אִינְאֵיינֶעם,**
**זֶען אוּנְזֶער גֶעשַׁאנְק דֶעם שֵׁיינֶעם,**
**פַאר דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ,**
**וָואס זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט אַ רֵיינֶעם רוּחַ**
**נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אַלֶע קִינְדֶער פַארְמָאגְן**
**מִיט אַ גוּטֶע רָצוֹן וֶועלְן מִיר דָאס טְרָאגְן**
**מִיט גְלַאנְץ אוּן קָאלִירְן דָאס בְּרֶענְגֶען**
**אַ מַתָּנָה פַאר אִים שֶׁענְקֶען**
**דֶעם מִשְׁכָּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קֶענֶען מִיר קִינְדֶער**
**יֶעדֶע מִצְוָה אַ שְׁטֵיינְדֶעלֶע בַּאזוּנְדֶער**
**אוּנְזֶער פּוּרִים-שְׁפִּיל וֶועט זִיכֶער מְקָרֵב זַיין**
**דִי גְאוּלָה מִיט אִיר פְּרַאכְט אַזוֹי שֵׁיין**

*דִי קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה...*

**רֶבִּי:** קִינְדֶער! אַלֶע זֶעצְן זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ אוֹיף דִי פְּלֶעצֶער, אָבֶּער שׁוֹין!!! אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֶעס גֶעהֶערְט, רֹאשׁ חֹדֶשׁ אִיז נָאךְ גַאנְץ פְּרִי צוּ זַיין אַזוֹי אוֹיפְגֶעלוֹיזְט, ס'אִיז נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶער צַייט צוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן פּוּרִים-שְׁפִּילְן, יֶעצְט אִיז צַייט צוּ לֶערְנֶען.... אָבֶּער אַזַא שְׁפִּיל אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פּוּרִים-שְׁפִּיל, דָאס אִיז אַ וֶועג פוּן לֶעבְן - פּוּרִים אוּן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר. דֶערִיבֶּער לָאז אִיךְ שׁוֹין טַאקֶע פוּן הַיינְט אָנְהֵייבְּן, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּפְלַייסְן אוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת קְלַייבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' *נַחְמָן בֶּן פֵיגָא* הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט "אַז עֶר גִיבְּט דִי זֶעלְבֶּע עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט גֶעבְּן!" דֶעמָאלְט לָאמִיר שׁוֹין הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן פוּן דִי גְאוּלָה...

# דִי שִׂיחוֹת פוּן נָאךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (2) ג – דֶער 'פְּלוּמְפּ'

[שָׁבוּעוֹת – שְׁנַת תקס"ז]

(דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם 'פֶערְד מִיטְן פְּלוּמְפּ', אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן שָׁבוּעוֹת שְׁנַת תקס"ז אִין דִי שְׁטָאט זַאסְלַאב. חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן נט)

[דִי אַיינְגֶערִינְגֶעלְטֶע הוֹסָפוֹת () אִינֶעם דָאזִיגְן שִׂיחָה, אִיז גֶענוּמֶען פוּן: 1) חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן קנא. 2) שִׂיחַ־שַׂרְפֵי־קֹדֶשׁ הֶחָדָשׁ ח"ג תתיד, מִכְּתַב־יַד רַבִּי נַפְתָּלִי ז"ל].

[אוֹת א] לְגַבֵּי דִי זַאךְ וָואס מְ'הָאט פַארְצֵיילְט פוּן אֵיינֶעם (פוּן אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים): וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶערְמָאלְט אִין אַ גְרוֹיסְן שְׁטָאט פוּן דִי גוֹי'שֶׁע שְׁטֶעט (אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג), אוּן עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ צַייט – ווייל יֶעדְן מָאל הָאט זִיךְ אִים צוּגֶעדַאכְט: "אַז 'יֶעצְט' וֶועט עֶר אוֹיפְטוּהְן" – אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדְן מָאל [הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי צוּגֶעדַאכְט]! – אַז עֶר הָאט זִיךְ [צוּלִיבּ דִי דָאזִיגֶע דִמְיוֹנוֹת] זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן דָארְט!

(אִין 'חַיֵּי־מוֹהֲרַ"ן' קנא, שְׁרַייבְּט מוֹהַרְנַ"ת ז"ל: אוּן דַאן אִין יֶענֶע יָאהְר [שְׁנַת תקס"ז], הָאבּ אִיךְ גֶעמוּזְט זַיין פַארְוָואגְלְט פוּן מַיין פְּלַאץ פוּן 'נֶעמְרוֹב', קַיין 'מָאהְלִיב'! – אוּן אִין יֶענֶעם יָאהְר זֶענֶען צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן אַסַאךְ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט! רַבִּי אַבְרָהָמ'טְשֶׁע אִיז גֶעוֶוען אִין פֶּעטֶערְבּוּרְג! אוּן אַסַאךְ זֶענֶען זֵייעֶר צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן! – אוּן רַבֵּינוּ ז"ל אַלֵיינְס אִיז אִין יֶענֶעם יָאהְר גֶעוֶוען נָע־וָנָד, בַּיי דִי גְרוֹיסֶע נְסִיעָה וְכוּ')!

אוּן עֶר [רַבֵּינוּ ז"ל] הָאט גֶעזָאגְט: אַז אַזוֹי גֵייט דֶער סֵדֶר וֶוען מְ'קוּמְט אָן צוּ אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער, אַז יֶעדְן מָאל דַאכְט זִיךְ: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּהְן! יֶעצְט וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּהְן"!

[אוֹת ב] אוּן עֶר הָאט פַארְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה: אַז אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ, וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אִין דֶעם וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז סְ'אִיז פַארְהַאן 'לֵצִים' פוּן דִי 'סִטְרָא־אַחֲרָא', וָואס זֵיי קוּמֶען צוּמָאל אוּן פַארְנַארְן דִי מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי־וִוי סְ'הָאט שׁוֹין אַסַאךְ מָאל פַּאסִירְט! – אוּן 'יֶענֶער מֶענְטְשׁ' הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט דֶערִין!

אֵיינְמָאל בַּיינַאכְט – קוּמְט צוּ אִים עֶפֶּעס אַ 'לֵץ', אוּן עֶר רוּפְט אִים אַרוֹיס: "אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן"! – אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן! אוּן דֶער 'לֵץ' וַוייזְט אִים: "אַז עֶר הָאט אַ 'שֵׁיינֶעם פֶערְד' צוּ פַארְקוֹיפְן"!

אוּן עֶר זֶעהְט: "אַז דָאס אִיז טַאקֶע 'זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶעם פֶערְד'! – אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים [פוּנֶעם 'לֵץ']: "וִויפִיל ווילְסְטוּ דֶערְפַאר"?! – עֶנְטְפֶערְט אִים דֶער 'לֵץ': "פִיר רֶענְדְלֶעךְ"! – אוּן עֶר זֶעהְט: "אַז דָאס אִיז רוּאִיגֶערְהֵייט וֶוערְט 'אַכְט רֶענְדְלֶעךְ', ווייל סְ'אִיז 'זֵייעֶר־אַ־גוּטֶע אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶע פֶערְד'!

הָאט עֶר אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דָאס 'פֶערְד', פַאר 'פִיר רֶענְדְלֶעךְ'! – אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ 'גְרוֹיסֶע מְצִיאָה'!

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס דָאס 'פֶערְד' צוּ פַארְקוֹיפְן! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען [זִיךְ מִתְוַכֵּחַ גֶעוֶוען] אוֹיפְן פְּרַייז, אוּן הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן עֶפֶּעס אַ סְכוּם גֶעלְט! – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מִן־הַסְּתָם אוֹיבּ זֵיי גֶעבְּן מִיר אַזַא סְכוּם, אִיז [אַ רְאָיָה אַז] דָאס אִיז דָאפְּלְט וֶוערְט"! – אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען [דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן

פַארְן סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן]!

הָאט עֶר וַוייטֶער אַוֶועקְגֶעפִירְט דָאס ׳פֶערְד׳! און מֶען הָאט אִים שׁוֹין גֶעוָואלְט גֶעבְּן דָאפְּלְט ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט! – הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״מִן־הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט נָאךְ מֶער ווִי דָאפְּלְט פוּן דֶעם סְכוּם [וָואס מְ׳הָאט אִים יֶעצְט גֶעוָואלְט גֶעבְּן]״!

אַזוֹי פִירְט עֶר דֶעם ׳פֶערְד׳ נָאךְ וַוייטֶער! – בִּיז ס׳אִיז אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען דִי פְּרַייז פוּן פַארְקוֹיפְן דֶעם פֶערְד, צוּ ׳טוֹיזְנְטֶערְס׳! – און עֶר אִיז זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט דוּרְכְגֶעקוּמֶען, דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן! וַוייל וֶועלְכְן פְּרַייז מְ׳הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶערְפַאר, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״מִן־הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט נָאךְ מֶער ווִי דָאפְּלְט [פוּנֶעם סְכוּם וָואס מְ׳ווִיל אִים גֶעבְּן]״! – בִּיז ס׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיינֶער וָואס הָאט דָאס גֶעקֶענְט קוֹיפְן, נָאר דֶער ׳קֶענִיג׳!

הָאט עֶר דָאס גֶעפִירְט צוּם ׳קֶענִיג׳! – און דֶער ׳קֶענִיג׳ הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן דֶערְפַאר, אַ ׳רִיזִיגְן סְכוּם גֶעלְט׳! וַוייל דֶער ׳פֶערְד׳ אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וואוֹיל־גֶעפֶעלְן פַאר יֶעדְן אִין דִי אוֹיגְן!

און עֶר הָאט זִיךְ מִיטְן ׳קֶענִיג׳ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דוּרְכְקוּמֶען! – וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ]: ״מִן־הַסְתָּם אִיז דָאס וֶוערְט מֶער״! – בִּיז דֶער ׳קֶענִיג׳ הָאט שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוֹיפְט דָאס ׳פֶערְד׳!

[אוֹת ג] און עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּנֶעם ׳קֶענִיג׳ מִיטְן ׳פֶערְד׳, דָאס אָנְצוּטְרֶענְקֶען! – אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ ׳פְּלוּמְפּ׳ וָואס פוּן דֶעם גִיבְּט מֶען צוּ טְרִינְקֶען! [בְּלַעַ״ז: ׳פָּאמְ״פּ׳ – אַזַא סָארְט ׳וַואסֶער טַאנְק׳ מִיט אַ ׳קְרַאן׳ – וָואס מְ׳זֶעהְט דָאס נָאךְ הַיינְט אִין ׳אוּקְרַיינֶע׳ אִינְדְרוֹיסְן אוֹיפְן גַאס]! – און דָאס ׳פֶערְד׳ אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם ׳פְּלוּמְפּ׳, און אִיז דָארְט נֶעלַם גֶעוָוארְן, און עֶר אִיז נִישְׁט דָא! – דָאס הֵייסְט: אַז ס׳הָאט זִיךְ אִים נָאר אַזוֹי צוּגֶעדַאכְט [גֶעדְמְיוֹנ׳ט]! וַוייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ מִיטְן ׳פֶערְד׳, אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ ׳מַעֲשֶׂה־לֵצִים׳!

הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶערוֹיף! – הָאבְּן זִיךְ דָארְט צוּזַאמְגֶענוּמֶען מֶענְטְשְׁן, צוּם קוֹל פוּן זַיין גֶעשְׁרֵיי, און הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס שְׁרֵייסְטוּ״! – הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַז זַיין ׳פֶערְד׳ אִיז אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִינֶעם ׳פְּלוּמְפּ׳״!

הָאבְּן זֵיי אִים [דֶעם דָאזִיגְן מֶענְטְשׁ] צוּזַאמְגֶעשְׁלָאגְן, ״צוּהַאקְט און צוּבַּאלְט״ [מְלָכִים־א כ, לז], וַוייל עֶר זֶעהְט אוֹיס ווִי אַ ׳מְשׁוּגֶע׳נֶער! – וַוייל דָאס ׳לָאךְ פוּנֶעם פְּלוּמְפּ׳ אִיז זֵייעֶר שְׁמָאל, אִיז ווִיאַזוֹי קֶען זַיין אַז דִי ׳פֶערְד׳ זָאל דָארְט אַרַיינְשְׁפְּרִינְגֶען?!

הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז מְ׳שְׁלָאגְט אִים! און עֶר זֶעהְט אוֹיס ווִי אַ מְשׁוּגֶע׳נֶער! – הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט! – אִינְצְווִישְׁן ווִי עֶר ווִיל נָאר אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט, הָאט דֶער ׳פֶערְד׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּשְׁטְרֶעקְן זַיין קָאפּ פוּנֶעם ׳פְּלוּמְפּ׳! – הָאט עֶר [דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ] נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן: ״גֶעוַואלְד! גֶעוַואלְד״! – וַוייל ס׳הָאט זִיךְ אִים צוּגֶעדַאכְט: ״אַז זַיין ׳פֶערְד אִיז דָארְט״!

הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן נָאכְאַמָאל צוּזַאמְגֶעזַאמְלְט צוּ אִים, און אִים נָאכְאַמָאל אָנְגֶעשְׁלָאגְן! וַוייל עֶר אִיז ׳מְשׁוּגֶע׳, ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! – און עֶר הָאט נָאכְאַמָאל גֶעוָואלְט אַוֶועקְגֵיין פוּן דָארְט! – ווִי נָאר עֶר ווִיל גֵיין, אָט שְׁטְרֶעקְט זִיךְ דֶער ׳פֶערְד׳ נָאכְאַמָאל אַרוֹיס זַיין קָאפּ פוּנֶעם ׳פְּלוּמְפּ׳! – הָאט עֶר [דֶער מֶענְטְשׁ] נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייעֶן, ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּזַאמְגֶעזַאמְלְט צוּ אִים! און אִים [נָאכְאַמָאל] גֶעשְׁלָאגְן, ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט!

[אוֹת ד] (דֶער נִמְשָׁל אִיז): דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ: אַז דִי סִטְרָא־אַחֲרָא פַּארְנַארְט יֶעדְן מָאל דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף גָארְנִישְׁט, מִיט אַ 'רִיכְטִיגֶער שֶׁקֶר' וָואס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דֶערִין! – אוּן עֶר וֶוערְט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט נָאךְ אִיר, אוּן עֶר גֵייט נָאךְ אִיר! אוּן יֶעדְן מָאל דַאכְט זִיךְ אִים צוּ: "אַז עֶר וֶועט מֶער פַּארְדִינֶען! אוּן מֶער עֶרְפִילְן זַיין 'גְלוּסְטוּנְג' [תַּאֲוָה]"! – אוּן עֶר לוֹיפְט נָאךְ אִיר אַסַאךְ צַייט! – אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְן זֵיי נֶעלָם! אוּן אַלֶע זַיינֶע 'גְלוּסְטוּנְגֶען' [תַּאֲווֹת], אַנְטְלוֹיפְן אוּן וֶוערְן צוּרִינֶען!

אַזוֹי־וִוי עֶס פַּאסִירְט צוּמָאל: אַז אַלֶע 'גְלוּסְטוּנְגֶען' [תַּאֲווֹת] גֵייעֶן אַבִּיסְל אַוֶועק! אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ צוּשַׁיידְן פוּן זֵיי, דַאן קוּמֶען זֵיי צוּרִיק אוּן שְׁטְרֶעקְן זִיךְ אַרוֹיס זֵייעֶר קָאפּ! אוּן עֶר יָאגְט זֵיי נָאכְאַמָאל נָאךְ! – אוּן אַזוֹי פִירְט זִיךְ דָאס וַוייטֶער: אַז גְלַייךְ וִוי זֵיי שְׁטְרֶעקְן נָאר אַרוֹיס זֵייעֶר קָאפּ, יָאגְט עֶר זֵיי נָאכְאַמָאל נָאךְ! – אוּן [רַבֵּינוּ זַ"ל] הָאט דָאס נִישְׁט עֶרְקְלֶערְט מֶער! – אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט!

ד – אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק

ס'הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק! – וָואס אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס בִּשְׁלֵימוּת פוּן דִי תַּאֲוָה, וִוי ס'דַארְף צוּ זַיין!

אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אִין דִי 'עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים'! – אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן: וִוי ס'לִיגְט אִין אַ 'טָאפּ', שְׁטִיקֶער פְלֵייש מִיט בֵּיינֶער! – הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס"?! – הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' – אוּן דָאס קוּמְט אִיר, ווַייל זִי הָאט גֶעזִינְדִיגְט!"

[זָאגְט דֶער רֶבִּי]: פוּן דֶעם קֶען מֶען זֶעהְן דִי שַׁאנְדֶע פוּן דִי תַּאֲוָה! – אוֹיבּ וֶועט מֶען אִיר צוּשְׁנַיידְן אוֹיף שְׁטִיקֶער, וֶועט דֶען נָאךְ אַלְץ שַׁיָּיךְ זַיין דִי תַּאֲוָה?!




המשך פון די לעצטע זייט

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר פַארְמַאכְן שְׁטַארְק דִי אוֹיגְן נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף אַלֶע גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע תַּאֲווֹת וָואס פַארְשְׁלֶעפְּן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן צוּם עוֹלָם הַזֶּה, אוּן זִיךְ נָאר פַארְקוּקְן צוּם תַּכְלִית צוּ כַאפְּן וָואס מֶער עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִדּוֹת טוֹבוֹת, וְוּתְרָנוּת א.א.וו. מִיר וֶועלְן זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוּן קוּקְן אוֹיפְן צִיל צוּ וָואס מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דִינֶען דֶעם בָּאשֶׁעפֶער וִוי מֶען דַארְף. (ע"פ ליקו"מ ס"ה-ג)

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## דִי שִׂיחוֹת פוּן נָאךְ סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת (2)

**א. פארוואס האט זיך דער מענטש אויפגעהאלטן אין די גוי'איש שטעט?**
- ☐ ווייל ער האט דארטן גאר אסאך פארדינט
- ☐ ווייל א גאנצע צייט האט אים אויסגעזעהן אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל
- ☐ ווייל א גאנצע צייט האט מען אים געזאגט אז יעצט וועט ער אויפטוהן וואס ער וויל

**ב. וואס האט דער לץ געוואזן?**
- ☐ אז ער האט א שיינע פערד צו פארקויפן
- ☐ אז ער האט א שיינע אייזל צו פארקויפן
- ☐ אז ער האט א שיינע קעמל צו פארקויפן

**ג. פאר וויפיל געלד האט ער עס אפגעקויפט פון דעם לץ?**
- ☐ פאר 8 רענדלדאך
- ☐ פאר 4 רענדלדאך
- ☐ פאר 26 רענדלדאך

**ד. פארוואס האט ער נישט פאקויפט?**
- ☐ ווייל מ'האט אים נאר געוואלט צאלן 2 אדומים
- ☐ ווייל ער האט עס געוואלט פאר זיך
- ☐ ווייל וויפיל מ'האט אים געוואלט צאלן האט ער געטראכט אז ס'איז ווערד טאפעלט

**ה. פארוואס האט עס דער מלך נישט געקויפט?**
- ☐ ווייל ס'איז נישט געווען גענוג שיין פאר'ן קעניג
- ☐ ווייל דער מלך האט נישט געוואלט באצאלן אזוי סאך
- ☐ ווייל דער מענטש האט געטראכט אז מן הסתם איז עס ווערד נאכמער

**ו. וואס איז געשעהן ווען ער האט געוואלט געבן טרונקען פאר די פערד?**
- ☐ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד שפרינגט אריין אין א פלומפ (קראן – רער פון וואסער)
- ☐ די פערד איז אנטלאפן
- ☐ עס האט אים אויסגעזעהן וואו די פערד איז געשטארבען

**ז. פארוואס האט מען געשלאגען דעם מענטש?**
- ☐ ווייל ער האט זייער שטארק געשריגן
- ☐ ווייל ער האט געשלאגען די פערד
- ☐ ווייל ער האט געזאגט אז די פערד איז אריין געשפרינגען אין די פלומפ (רער וואסער), און ער האט אויס געזען משוגע

**ח. וואס האט ער געזעהן ווען ער האט געוואלט אוועק גיין פון דארטן?**
- ☐ אז די פערד איז געשטארבען
- ☐ אז דער פערד איז אינדרויסן
- ☐ אז דער פערד הייבט אהן ארויס שטעקן זיין קאפ פון די פלומפ (רער וואסער)

**ט. וואס האט ער געטוהן ווען ער האט עס געזעהן?**
- ☐ ער האט אנגעהויבן וויינען
- ☐ ער האט אנגעהויבן צו זינגען
- ☐ ער האט נאכאמאל אנגעהויבן צו שרייען

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



## טיפער געטראכט

ווען און וואו האט דער רבי דערציילט די מעשה?

וואו נאך דערציילט דער רבי אין סיפורי מעשיות אז מען האט געשלאגן?

וויפיל מאל ווערט דערציילט אין סיפורי מעשיות וועגן א "פערד"?

וויפל מאל ווערט דערציילט אין סיפורי מעשיות וועגן איינער וואס "שרייט"?

**דער געווינער אויף שיחת נאך די מעשיות איז הילד**
**החשוב יצחק קוגל מודיעין עילית**

צו ענטפערן די בחינות און ארייגגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040



# דעם רבינ'ס משלים

דֶעם רֶבִּינְ'ס מְשָׁלִים

צִמְצוּם הָרְאוּת

דִי חֲבוּרַת בַּחוּרִים וֶועלְכֶע רוּפְן זִיךְ 'שַׁקְדָנֵי הַנַּחַל' לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס אִין וַואלְד, זֵייעֶרֶע טְרִיט זֶענֶען גֶעוָואנְדְן צוּם צִיּוּן פוּנֶעם תַּנָּא 'שַׁמַּאי', דִי בָּחוּרִים גֵייעֶן גֶעשְׁווִינְד אַרַיין אִינֶעם גֶעדִיכְטְן וֶועלְדְל, צְווִישְׁן רִיזִיגֶע בֵּיימֶער אוּן וַוייסֶע פֶעלְזְן שְׁטֵיינֶער. אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט הַאלְטְן זֵיי תְּהִילִימְ'לֶעך מִיט פְלֶעשְׁלֶעך וַואסֶער. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאבְּן זֵיי עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם קֵבֶר אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אַ תְּפִלָּה פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַאַרְץ בַּיים צִיּוּן פוּן שַׁמַּאי.

נָאכְן מִתְפַּלֵּל זַיין הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזֶעצְט אִיבֶּערְבַּייסְן, נָאכְן זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען אוֹיף דִי וֶועגְן. אִינְמִיטְן רוּפְט זוּשָׁא אוֹיס: "גֶעב אַ קוּק, דָארְט וַוייט וַוייט זִיצְט אֵיינֶער אוֹיף אַ שְׁטֵיין אוּן שָׁאקְלְט זִיךְ, קוּק דָארְט"... אַלֶע לוֹיפְן צוּם רִיכְטוּנְג פוּן זוּשָׁא אוּן פְרֶעגְן וִוי אִין אַ כָאר: "וואוּ, וואוּ אִיז עֶר, אִיךְ זֶע אִים נִישְׁט, אִיךְ זֶע נִישְׁט גָארְנִישְׁט, וָואס זֶעסְטוּ דָארְט?...

זוּשָׁא שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט וַוייזְנְדִיג צוּם בַּארְג אַנְטְקֶעגְן: "דָארְט דָארְט, פוּנְקְט דָארְט". דִי בָּחוּרִים שְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ אָן דִי אוֹיגְן אָבֶער נֵיין, זֵיי זֶעעֶן גָארְנִישְׁט.

"הֶערְט מִיךְ אוֹיס", רוּפְט זוּשָׁא אוֹיס, "עֶנְק זֶעעֶן אִים נִישְׁט וַוייל עֶנְקֶעְרֶע אוֹיגְן זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע

## זיך קאנצענטרירן

זַאכְן אַרוּם: בֶּערְג, בֵּיימֶער, פֵייגֶלֶען אוּן נָאךְ צֶענְדְלִיגֶע פְּרָטִים. עֶנְקֶערֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִיט צוּ צִילְן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זִיצְט פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, עֶנְק דַארְפְן זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן אוּן פַארְדֶעקְן דִי אוֹיגְן פוּן אַלֶע אַרוּמִיגֶע גֶעגְנְשְׁטַאנְדְן אוּן קוּקְן אוֹיסְדְרִיקְלִיךְ נָאר אוֹיפְן בַּארְג אַנְטְקֶעגְן, פַארְקְלֶענֶערְט אַייעֶרֶע הֶענְט צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק אִים בַּאמֶערְקְן.



זֵיי הֵייבְן אוֹיף דִי הֶענְט אוֹיף זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן בַּאדֶעקְן פוּן צוּ זֶען אַלֶע אַרוּמִיגֶע בֶּערְג, שְׁטֵיינֶער אוּן וֶועגְן, זִיךְ מְצַמְצֵם גֶעוֶוען דִי אוֹיגְן אוּן אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן גוּט גוּט, בִּיז עֶס אִיז זֵיי גֶעלוּנְגֶען צוּ קְלָאר בַּאמֶערְקְן וִוי אַ אִיד זִיצְט אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִין דֶעם מָשָׁל וָואס עֶס לִיגְט אוֹיף אוּנְז צוּ קוּקְן אוֹיפְן אֶמֶתְ'ן תַּכְלִית פַארְוָואס מֶען הָאט אוּנְז אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט אוֹיף דֶעם וֶועלְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע זַאכְן וָואס עֶס טוּעֶן זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וִוי בִּיזְנֶעס, מְנִיעוֹת, אַיינְקוֹיפְן, נְסִיעוֹת, בִּלְבּוּלִים וָואס פַארְטוּשְׁט דֶעם מוֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל פַארְגֶעסְן זַיין אֵייבִּיגֶע תַּכְלִית אַז מִיר זֶענֶען דָא נָאר אוֹיף צוּ כַאפְּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, חֶסֶד אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, דַאוֶוענֶען מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן אַ בְּרֶען...

המשך אויף זייט 4

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל היילפרין הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול תורה ומצוות

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יונה נברוצקי הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר ישראל מינצבערג הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב הרשלר הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב